Kraków Bibl. Jagiellońskiej Arny 12

פרײַז 25 גראָשען XV־ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką“ 13 (711) „Radomer-Kielcer Leben“ היינט 10 זייטען

Radom, dnia 1-go Kwietnia 1938 r.
ראַדאָם, פרײַטאָג כ״ט אדר ב. תרצ״ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

# ראדאמער-קעלצער לעבן


פאַראַזע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטא 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

א הארציגען מזל טוב
ווינשען מיר אונזער גבאי
ה׳ יעקב מאיר קאַצמאַן מיט זיין פרוי
צו דער התונה פון זייער
טאָכטער
גליק דעם יונגען פּאָר און נחת די עלטערען
חברה „כנסת ישראל״

Z intencji zaręczyn
p. Racheli Elencwajżanki
— z p. —
Mońkiem Bryksem
dużo szczęścia i kwiecistej przyszłości
a rodzicom pociechy
życzą
Abuszowie Szermanowie.

קומט און איבערצייגט אייך!
די בעסטע פרישע מיטאָגען
כשר עסען
— וואַרימע — געשמאַקהאַפטע קאַלאַציעס
צו דער בעקוועמליכקייט פון אַלע געסט
בעקומט מען נאָר אין דעם גוט בעקאַנטען
Bar „CENTRAL“
Rwańska 14
אינהאַבער מ. ווייסמאַן
סאָלידע בעהאַנדלונג — גוטע בעדינגונגען
עס זענען אויך פערהאַן פערשידענע געטראַנקען, ביער פון אַלערלײ פירמעס ווי: „האַבערבוש“, „אָקאָצים“, „סעסקי“, א. א. וו.
צו צוגענגליכע פּרײַזען.

אונזער חבר
מנחם מאַרקאָוויטש צו זיין הייראַט מיט די פרײלין חוה באַסמאַן
א הערצליכען מזל־טוב
פּאַרטײ־קאָמיטעט פון פועלי־ציון (פאָר מיט ד. ס) אין ראדאם.
קאָמיטעט פון דער יוד. סאָצ. יוגנט „פרײַהייט“ אין ראדאם.

Gdy na dancingu, lub balu chcesz szaleć
I chcesz naprawdę być w dobrym humorze
To musisz tylko w gilzach „WAWEL“ palić,
Nic ci na humor lepiej nie pomoże.

כשר לחג הפסח
אפילו למהדרין מן המהדרין
מצות
און מצה־מעהל
גאַראַנטירט ריין אָהן צומישונג
פון עלעקטריש מע־כאַניש־היגיענישער
מצה־בעקעריי
בהכשר הרב הגאון ר׳ ישעי׳ זלאָטניק
בהרב הגאון המובהק מהר״ם שליט״א האב״ד גלאָמאָסטאָוו.
צו 78 גר. א קילא
י. ערליכמאַן ראדאם רינעק 8
ראדאם, רינעק 8
Adres: RADOM RYNEK 8

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי־ווייסע פאַרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. HEMPEL
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Żeromskiego 1
Żeromskiego 21
Żeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פּרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיס. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21 זשעראָמסקי 59
ביליג צו וואַשען קאַפּעלושען

צו דער הכצייט פון אונזער ליבע

טאכטער

**רעגינא מיט ה' מאניעק ווארשאוער**

ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט
און אייביגע צופרידענהייט

עלטערען

**יעקב מאיר קאצמאן און פרוי**

---

Z intencji zaślubin kochanej siostry

***Reginy Kacmanówny***

z p.

***Mońkiem Warszauerem***

życzymy aby gwiazdy szczęścia towarzyszyły im na nowej drodze życia.

Sala i Herszek Londonowie.

---

Z intencji zaręczyn kolegi naszego

***Dawida Frydmana***

z p. ***Edzią Finkielsztajnówną***

życzą dużo szczęścia

koledzy
Izrael Glatt
Josek Szrek
Moniek Pomeranc
Moniek Horowicz
Izaak Korman.

---

איך גראטולירט הערצליך מיין פריינד

**דזשעס גאלדפלייס** (ניו-יארק)

צו דער הא כ צ יי ט

פון זיין שוועסטערן-טאכטער

**פרל. ברײנדיל גוטמאן**
**מיט ה' משה רובינשטיין**

איך חינש דעם יונגען
פאר א גליקליכע צוקונפט

**משה ראדאמסקי** ניו-יארק-ראדאם

---

Lekarz — Dentysta

**R. Drozdowska**

**przy ul. Zeromskiego 1**

**(MALCZEWSKIEGO 2)**

przyjmuje od g. 10 — 2 — i od 4 — 7

## אין ראדאם האט מען נעכטען געפאסט און שופר געבלאזען.

נעכטן דאנערשטאג אין טאג פון תענית-צבור איז דאס גרויסע בית-מדרש געווען געפאקט פון יודען. מ'האט געדאווענט יום-כפור קטן, געליינט ויחל און געבלאזן שופר. יודען האבען הייס געבעטען, אז מ'זאל מבטל מאכען די גזירה פון שחיטה-פערבאט און א סך האבען געוויינט צוליב די צרות איף יודען, וואס מעהרען זיך

עס האבען גערעדט הרב קעסטענבערג און ר' שמואל פערקאל. הרב קעסטענבערג האט ערקלערט, אז מחמת דעם, וואס מ'איז נישט געווען גוהר אין מאכלות טריפות, איז געקומען די גזירה און אויב מ'וועט נעמען איף זיך נישט צו עסען קיין טרפות, וועט די גזירה קיין קיום נישט האבען און מוועז בטול ווערען.

ה' שמואל פערקאל האט געזאגט, אז די גזירה איז אנ'עונש דערפאר, וואס מ'האט נישט געוועהלט אלס דעפוטאט דעם ריישער רב הרב לעווין, און ווייל מ'איז נישט נזהר געווען אין דרך ארץ קדמה לתורה. וואלט ה"ב לעווין אבער געווען געוועהלט אין סיים וואלט צו דער גזירה נישט גע-קומען, ווייל מ'וואלט פאר איהם מורא געהאט און פשינאימניעי זיך גערעכענט מיט איהם. די פערביטערטע יודען האבען דן געווען לכף זכות, אז דאס רעדט ער מכתמא פון הארץ-ווייטאג און גרויס שברת הלב.

### „די כשוף - מאכערין"

צוליב מאנגעל אין פלאץ קומט די רע-צענזיע איבער דער „כשוף מאכערין" אין קומענדיגען נומער. רעד.

## שפיטאל-באל געגעבען 400 זל. ריינע הכנסה

די הכנסה פון שפיטאל-באל איז נישט קיין גלענצענדע. איינגאנצען 400 זל. איז געבליבען נאכן אפרעכענען די אויסגא-בען. אויף אזא צוועק איז געווען צו ערווארטען א גרעסערע ערקייטונג און ממילא א גרעסערע הכנסה.

---

א הערצליכען מזל טוב
אונזערע ליבע עלטערע
צו דער האכצייט פון זייער
טאכטער

**רעגינא קאצמאן מיט ה' מאניעק ווארשאוער**

מיר ווינשען אייך, אז איהר זאלט דערלעבען
פיעל נחת פון יונגען פאר און פון אלע קינדער

טאכטער און איידעם
לאנדאן מיט זייער זונדעלע.

---

Z intencji zaślubin
naszej drogej siostry

***Reginy***

z p.

***Mońkiem Warszauerem***

życzymy dużo szczęścia
i zadowolenia

bracia
Josef i Abek Kacman.

---

## ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

מיר דאנקען הערצליך דעם אינדעפענדענט ראדאמער עיד סאסייטי און אינדעפענדענט לעידיס סאסייטי אין נוי-יארק און דעם ה' **משה ראדאמסקי** פאר די 100 דאלאר, וואס מיר האבען פון זיי ערהאלטען פאר אונזערע אינסטיטוציעס.

די פערוואלטונג
**פון בית-יתומים און מושב-זקנים** אין ראדאם

---

## ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

א הערצליכען דאנק דריקען מיר אויס דעם **אינדעפענדענט ראדאמער עיד סאסייטי** און דעם **אינדעפענדענט לעידיס סאסייטי** (ניו-יארק) פאר די 50 דאלאר, וואס מיר האבען ערהאלטען פון ה' **משה ראדאמסקי**, ווען מיר דאנקען בעזונדער פאר זיין אינטערעסירען זיך מיט אונזער אינסטיטוציע.

די פערוואלטונג
**פון חינוך-ילדים** אין ראדאם

---

## ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

דעם בעסטען דאנק שיקען מיר איבער אויף דעם וועג צום אינדעפענדענט ראדאמער עיד סאסייטי, און צום אינדעפענדענט ראדאמער לעידיס סאסייטי אין ניו-יארק פאר די 50 דאלאר וואס מיר האבען פון זיי ערהאלטען אלס שפענדע פאר אונזער אינסטיטוציע.

דעם ה' **משה ראדאמסקי** דאנקען מיר וואס אלס געוועזענער מיטגליד פון די צחיי דערמאנטע קארפארשאפטען אין ניו-יארק, האט ער גוט געדענקט אין אונזער אינסטיטוציע.

די פערוואלטונג
**פון קימפעטארען-פעראיין** אין ראדאם

---

אונזער חבר **ישראל גוטמאן** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער זוהן

**משה מיט פרל. חיה שרה ליטוואק**

ווינשען מיר א הארצינען מזל-טוב

פערוואלטונג פון יודישען האנדווערקער פערבאנד רוואנסקא 1

---

אונזער חבר **ישראל גוטמאן** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ז ו ה ן

**משה מיט פרל. חיה שרה ליטוואק**

ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט

פערוואלטונג פון מעטאל-צעך אין ראדאם

---

Uwaga Uwaga

Nowy otworzony sklep pod firmą

**„Centro Swiat"**

Róg Wytoldej i Żeromskiego

Został zaopatrzony w najnowsze modeli żyrandoli lampki stojące oraz duży wybór żarówek i wszelkie przybory instalacyjne po cenach bardzo tanich.

Centro - ŚWIAT

Róg Wytoldej i Żerom.

## 4 מאשטעו צירק „קאראנא" ו אבטיילונג

איז ראדאם
יאגעלאנסקי פלאץ

# לעצטע טעג פון פערהאלטען זיך איז ראדאם

רעוועלאציע שלאגער פראגראם:
רעוועלאציע, שלאגער, געזאנג, הומאר, און טאנץ, אין שפיץ פון
אנסאמבל פון נייעם פראגראם—די באקאנטע פון גראמאפאן-פליטן

## אידא ערוועסטובנא

נאך איהר צוריק
קעהרען זיך פון
תל - אביב

דער וויזופיניעך איז אפען טאג - טעגליך פון 9 אין דער פריה ביז 6 אין אוונט. איינטריטס - קארטען צו 25 גראשען

אכטונג שבת און זונטאג 2 פארשטעלונגען: 4 נאכמיטאג און 8/40 אבענד.


# פון האנדעלס-אנגעשטעלטע פעראיין
(קאמוניקאט)

פרייטאג דעם 25 ה. ח. האט דער אינהאבער פון וואורסטען-געשעפט בערקמאן (ושעראמסקי 29) אנגעזאגט אג' אנגעשטעלטע, וועלכע ארבייט שוין 2 יאהר, אהן שום מאטיווען. און נאך ערלויבט זיך צו בעשמוצען דעם גוטען נאמען פון דער אנגעשטעלטער. אויף דער אינטערווענץ פון האנדעלס-אנגעשטעלטען פעראיין האט פרוי בערקמאן בעליידיגט די פעראיינס-דעלעגאציע און נאך אמאהל זיך אויסגעדריקט בעליידיגנד איבער'ן אדרעס פון די אנגעשטעלטע. אויף דער שלעכטער האנדלונג פון דער פירמע בערקמאן האט דער פעראיין רעאגירט מיט אפשטעלען די צווייטע אנגעשטעלטע, וועלכע האט זיך סאלידאריזירט צו דעם. נאכ'ן אויפקלערען פון די פעראיינס-דעלעגאטען האבען די אנוועזענדע געסט רעאגירט מיט אויסדריקען זייער פראטעסט געגען בעליידיגען די דעלעגאטען פון די אנגעשטעלטע. אלס ענטפער דערויף האט זיך פרוי בערקמאן אנגערופען, אז זי דארף נישט קיין וושידלאקעס פאר קיין געסט. דאס אלעסגיבען מיר איבער דער עפענטליכקייט.

**סעקרעטאריאט פון האנדעל'ס-אנגעשטעלטע-פעראיין אין ראדאם**


אין דער 8-טער יאהר-צייט פון אונזער בן - עיר

# חיים נחמן קירשענבוים ז"ל
פון ניו-יארק

רעם בעדייטענדען נדבן פון אונזערע געזעלשאפטען קומט פאר
זונטאג דעם 3/IV 38 12 אז. בייטאג
אין דער שוהל פון בית-יתומים

## א הזכרה

אויף וועלכער די מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען
פערוואלטונג פון גימנאזיום „חיבבידעת"
" " דער „גמילת-חסד-קאסע"
" " „בית - יתומים"
" " דעם „קינדערטאגעסהיים-פעראיין"
" " „ע ז ר ה"
" " „תלמוד - תורה"
" " „חינוך - ילדים"
" " „לינת - הצדק"


# א ווענדונג צו דער יודישער בעפעלקערונג

ווי עס איז לײדער פאראויסצוזעהן, וועט די גמינע אלס אזעלכע נישט קענען אדורכפיהרען א פסח-אקציע, ווייל ערשטענס זענען די איינקונפטען פון דער שחיטה איינגאנצען פערלוירען הן פון עופות צוליב'ן שמוגעל והן פון שחט-הויז צוליב דער שחיטה-גזירה, און צווייטענס איז אויך די הכנסה פון סקלאדקעס א זעהר גערינגע. אונזערע בעקאנטע ראדאמער פאליטיקער האבען צוגעלאזט א האנדעל מיט סקארבעס איבער'ן בודזשעט און קר האט אויף יום טוב נישט איינגעטראפען.

א פסח-אקציע איז א חוב פון קמחא דפסחא, וועלכער ליגט נישט אויסשליסליך אויף דער גמינע. בכל תפוצות ישראל בעזארגען דער ארימער בעפעלקערונג, מיט מצות און מיט אנדערע נויטיגע זאכען. די פערשידענע וואהלטעטיגע אינסטיטוציעס ווי בית-לחם'ס, „עזרהס" א. ז. וו. נישט דוקא די גמינעס. ווען ס'וואלט געווען מעגליך, וואלט עס די גמינע געטוהן ווי פאראיאהרען בורחבית ידים. דאס יאהר זענען די האפנונגען דערויף שוואכע.

ס'איז א חוב פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג צו נעמען אין דער פסח-אקציע אנ'אנטייל. עס ווערען דרינגענד געבעטען די בעלי-בתים, וועלכע קומען נישט אויף זיצונגען, ווען מען פערבעט זיי, אז זיי זאלען זיך מעלדען פרייוויליג און קומען זיך ארגאניזירען אין פארעז, בכדי צו גיהן נאך מעות חטים. און צו דער רעשט בעפעלקערונג אפעלירען מיר צו געבען זייער שטיצע. אהן דער דאזיגער הילף וועט די פסח-אקציע נישט צושטאנד קומען.

**די צייטווייליגע קהלה-פערוואלטונג**
**אין ראדאם.**


Wyrazy szczerego współczucia
naszemu klientowi K. HELCMANOWI
z powodu przedwczesnego zgonu Jego

b. p.

# ŻONY

składa
Fabryka Wódek i Likierów
„POLROS"
Kraków



Wyrazy najgłębszego współczucia
naszemu klientowi K. HELCMANOWI
z powodu przedwczesnej śmierci Jego

b. p. **ŻONY**

składa
WYTWÓRNIA WIN
S. A. HERZIG
KRAKÓW.


# א בריעף קיין אמעריקא.

צו די געעהרטע לאנדסלייט אין ניו-יארק און באלטימארע!

נעהמט אן אייך בעקאנט, אז ביי אונז אין ראדאם עקזיסטירט שוין 40 יאהר די היגע אינסטיטוציע צו שטיצען יודישע ארימע קימפעטארינס מיט זייערע ניי-געבארענע קינדער. יעדערע ארימע קימפעטארין בעקומט פון אונזער אינסטיטוציע אומזיסט אנ'אקושערקע, ארצטליכע הילף, וועש פאר איהר און אויך פאר'ן קינד און געלד - שטיצע. אויך בעקומט יעדעס קינד דורך אונזער קאסיטעט א גאנץ יאהר קאנסערווירטע מילך. אין פאל עס געשיעט גאט בעהיט מיט דער מוטער א צופאל, דאן צאהלען מיר אנ'אם די גאנצע צייט ווי לאנג דאס קינד נויטיגט זיך אין זויג-נארונג.

אונזערע אנגעזעהענע מיטגלידערינס זענען כמעט איבערגעגעבען יעדער ארימער קימפעטארין, כדי צו לינדערען איהר נויט, אבער אונזערע קליינע איינקונפטען ערלויבען אונז נישט מיט אלעם די ארימע קימפעטארען צופרידענצושטעלען. דעריבער ווענדען מיר זיך צו אייך, גוטהארציגע שוועסטער, דאס איהר זאלט אונזער נוצליכע אינסטיטוציע אונטערשטיצען מיט געלד און וועש, פאר וועלכע מיר וועלען אייך זעהר דאנקבאר זיין. מיר האפען, אז איהר חשוב'ע לאנדסלייט וועט אונזער בקשה ערפילען.

מיט אכטונג

**די פערוואלטונג און דער קאמיטעט**
**פון קימפעטארין-פעראיין אין ראדאם.**

פ. ס. אונזער אינסטיטוציע בעקומט פון צייט צו צייט פון רעליעף-קאמיטעט אין ניו-יארק געוויסע סומען געלד, פאר וואס מיר זענען דאנקבאר, וואס זיי געדענקען אין דעם. אבער די אויסגאבען זענען זעהר גרויס און דאס בחינם אוגו צו ווענדען זיך אויך צו אייך.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דעם ח' **קריש העלצמאן** און **סינדער**
צוליב'ן טויט פון זייער יונג-פערשטארבענער פרוי און מוטער

# פייגע רבקה נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**סלמן גראספעלד** עם **פרוי**


Radio - aparaty maszyny i rowery
po najniższych cenach
najdogodniejsze warunki
— w firmie —

# M. Hopenheim

Radom, Rwańska 25



פאדערט איבעראל
נאר די בעסטע ליכט

# „מעטראפאל"

KINO APOLLO

שבת 1 און 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1/4

? ? ?

**Od poniedziałku b. m**

הערליכע מויקאלישע קאמעדיע פון דער פוילישער פראדוקציע לויטן אויסגעצייכנטסטן פילם „די וועלט לאכט"

# דאס פרעהליכע 13

אין די הויפט-ראלען:

שעלאנסקי, גראסובנא, ארוויד, סקאנעטשני, טעססאל, כנורקאווסקא און אנד.

ביז זונטאג איינשליסליך

Zagadnienie zdrady małżeńskiej w wielkim filmie

# GRZECH MŁODOŚCI

w roli tajemniczej „Madame x" GLADYS GEORGE

2) Arcydzieło emocji wielkich wrażeń

*Człowiek, który żył dwa razy*

W roli gł. genialny mistrz maski

**RALPH BELLAMY**

KINO APOLLO



*Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. f.*

# „Americanka"

L. Wajsbrot Rynek 16

מאכט באקאנט דאס ג. פובליקום, אז עס איז געעפנט געווארען פון ניי - יאהר

## א צוקערניע און היגיענישע בעקעריי

איינגעארדנעט לויט די לעצטע סאניטארע פארשריפטען.

יעדען טאג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פרייזען. פערשידענע געשמאקע טשאסטעס פון דער פיינסטער קוואליטעט צו 15 גר.

ס'איז צו בעקומען שפעציעל מארטען מארציפאנאווע פון 1.50 אן

אלץ ווערט אויסגעארבייט דורך א פאכמאן מיט א לאנגיעהריקער פראקטיק. אלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, בילקעלעך, טשאכטעס, וואפלעס, הערבאטניקעס, טארטען, באקאלעס דיפלאמאט, לעקעך, פערשידענע קרעמען, מיגדאלאווע ארטיקלען און פרייטאג חלות — בעקומט מען

אין דער יודישער צוקערניע „אמעריקאנקא" טראוגוטא 62

ווי אויך אין דער היגענישער צוקערנישע בעקעריי רינעק 16

און אין געהעלב רינעק 14

עס ווערן אויך אנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, באלער, קאנצערטען א.ז.וו. שאקאלאד פון פערשידענע פירמעס און פרוכטען צו ביליגע פרייזען



Sąd Okręgowy w Kielcach, dnia 21 marca 1938 r. przy firmie „Bank - Handlowo - Przemysłowy, Spółdz. z odpowiedz. udziałami" w Chmielniku Rs. 156 wpisano: Spółdzielnia zostaje wykreślone wobec zlikwidowania na mocy uchwały Walnego Zgromadzenia członków z dnia 27. II. 1938 r.



**POSZUKUJEMY**

Agenta podróżującego

na m. Radom i okręg

Oferty pisemne nadsyłać: „JAWA"

Fabr. Cykorii i art. żywn. w Radomiu



POMOCNIK BUCHALTERA

**Potrzebny**

Oferty pisemne nadsyłać:

„JAWA Fabryka Cykorii i art. żywn. w Radomiu.


# קעלצער כראניק

## פערענדיגט די לוסטראציע אין דער קהלה.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען האט די אויפזיכט'ס מאכט דורכגעפיהרט א קאנטראל אין דער קהלה, ווארום וועלכע ס'האבען שוין אנגעהויבען קורסירען פערשידענע ווערסיעס אין שטאדט. די לעצטע טעג האט די קאמיסיע פערענדיגט איר ארבייט אין דער קהלה, מיט געבען איינינע אנווייזונגען אין דער קהלה-הירשאפט ספעציעל וועגען דעם „קוויטלעך" סיסטעם וואס צוליב דער גרויסער קהלה-קאסע צאהלט מען מיט קוויטלעך צו די עטאט-צאהלער. אזוי ווי די קוויטלעך צאהלט מען 50 פראצענט, פון דער פאקטישע כומע, און דאס פיהרט ארויין א כאאס אין דער קהלה-ארבייט, שטענדיג אויך איר פרנסיוס.

## אומגליקס-פאל אין א קאפעלניע.

פארגאנגענעם שבת, איז אין חלאדעק (זאוויערטשער-פאוויאט) אין די אייזען גרובען, פון די באקאנטע „סאס-נאווצער אייזען און רערען פאבריק" געקומען צו א טראגיש אומגליק וואס האט געקאסט דאס לעבען פון 33. יעהריגען אנטאני לעשניאק, וועמען די ערד האט פערשיט. דער ארויסגערופענער דאקטאר האט קאנסטאטירט דעם טויט.

## גרויסע שרפות אין קעלצער געגענד.

די פאליציי-כראניק מעלדעט טאג-טעגליך וועגען שרפות אין קעלצער געגענד, צוליב'ן נישט פארזיכטיג אומגעהן מיט פייער, ספעציעל האבען זיך די שרפות לעצטענס פערשטארקט אין די חלאטשטשאווער, קעלצער פאוויאטען.

## דער האנדעל'ס-אנגעשטעלטער פעראיין, ביי דער ארבייט.

דער היגער האנדעל'ס און ביורא אנגעשטעלטע פעראיין, אין לעצטענס רעארגאניזירט געווארען און פיהרט אן אינטענסיווע טעטיגקייט.

## דער תענית-צבור אין קעלץ.

דער פראקלאמירטער תענית - צבור, דורך די פיהרער פון פוילישען יודענטום, האט ארויסגערופען א טיפען אבקלאנג אין אלע קרייזען פון דער היגער יורי-שער בעפעלקערונג. אין די בעזונדערע בתי-מדרשים זענען פונאנדערגעקלעפט געווארען מודעות וועגען תענית. אין משך פון א גאנצען טאג האט א ריזיגער עולם געשטראמט אין די בתי-מדרשים, שטיבלעך און מתפלל געווען אויף אפריפען די גזירה, זאגנער פיל פארגע-שריטענע האבען געפאסט, אויסדריקענ-דיג ווייטער סאלידאריטעט מיט'ן כלל פון פוילישען יודענטום.


קינא קאסינא

דער סענסאציאנעלער פילם א. נ.

Kłamstwo Niny Petrówny



Kino ADRIA

שבת דעם 2 1 און 3 אז

זונטאג דעם 3 12 און 2 אז

פריהמארגען - פילמען

ROMEO i JULIA

אין דער הויפט ראל

NORMA SCHEARER

LESLIE HOWARD.

ביז זונטאג דעם 3 קוויטשעטשיען איינש.

Kino ADRIA

Polski film sensacyjny **P. T.**

# KOBIETY nad PRZEPASCIĄ

Dramat obecnych czasów w-g głośnej powieści An. Marczyńskiego. Film ten jest ostrzeżeniem dla tysięcy kobiet W rol. gł: MARIA BOGDA, NORA NEY, ANDRZEJEWSKA, i inni.

Nad program: kolorowy dodatek i tygodnik P.A.T.



אכטונג קעלץ! אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטארבייטער ק. ביינוואל

שריפטליך קען מען זיך ווענדען: Red. „Radomer - Kielcer - Leben" Kielce, ul. Warszawska 2.

TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr. w tekście mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

אבאנאמענטס פרייז: פאר א חודש אין פוילען זלאט אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק אין אנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15 - 18 .טעל Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom szwarlikowska 20